מאוסף
בן צדקוני

פרץ מארקיש.

# וואלין.

(פאעמע).

ביכער-לאגער פון דער צענטראלער יידישער שול-ארגאניזאציע אין ווילנע.

1921.

הילצ-צײכענונגען: מ. ליבאָווסקי.

צײכענונגען פאַר און נאָך טעקסט: יוסף טשײַקאָוו.

אויסגאַבע פון דער יידישער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע

דרוקעריי ב. ציונסאָן און „קאָמפּ.“, ווילנע, טראָקער 13.




איבערדרוקן און איבערזעצן
אָן דער ערלויבניש פון מחבר
איז פאַרבאָטן.

## I.

ליגן פעלדער אויסגעצויגן
אויף די ווייטע גרינע שטרעקעס
אַלע נ׳איינעם אָן עין־הרע
מיט די פנימער אַרויף;
גיט זיך זאַנג צו זאַנג אַ בויג אָן,
עפּעס געבן שטיל אַ פּרעג אויס,
עפּעס ווערן שטיל געוואוירע
זאַנגיש ריידנדיק פון שלאָף.

און אַרום די שוואַרצע וועלדער
הויך, מיט קעפּ, מיט קוטשעראַווע,
שטייען אויסגעשטעלט צום גרייטן —
נעם זיי איינציקווייז און ציילן
איין בוים פונם צווייטן עלטער.
וואַרטן זיי, ווי יונגען בראַווע, —
עמיצער זאָל אַ געשריי טאָן,
עמיץ טאָן זאָל אַ באַפעל...

גייען ערגעץ שטילע טעכער
זוכן גליקן פאַרן געגנט...
טרעפן זיי עפּעס אַנטקעגן,
שלעפּן זיי מיט זיך אַוועק;
און ווי איבער פולע בעכער,
גלייך מיט זיי אין וועלט געלאָזט זיך,
ציען נאָך זיך גרויע ברעגן
ווייזן וואַסערן דעם וועג...



PART ONE I – 7. Brings us slowly to description of the town

I. landscape, road, movement
II. human presence
III. past – trivialized by people
IV. travel defined – no destination
V. Inn
VI. Horin – here because of movement, analogue to road – no destiny
VII. Inn
VII. Leads to next part, somewhat humanized name, conversation

## II.

און ווי קלימעקלעך צעשפיליעס,
זיינען אָנגעוואַלגערט שטיבלעך
אויף אַרום און אויף די ווייטן,
און אַזוי זיך אין דער מיט;
צו דער ערד זיך צוגעטוליעס,
ליגן זיי זיך שטיל און ליבלעך,
גלייך געבראַכט מ׳האָט זיי פון ערגעץ
אָט אַהער אויף אַ יריד...

נ׳אָט די קלימעקלעך אינאיינעם,
גלייך האָט עמיץ פון די וועגן
אַלע שטיל צונויפגענומען
און אויף איין אָרט זיי פאַרקערט.
זיינען זיי געוואָרן שכנים,
איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן,
שטעטלעך, דערפער מיט איין נאָמען,
איינס לעם אַנדערן אויף דר׳ערד...

יונגע קאַטשקעלעך צום טעכל
טרייבן שיקסלעך יונגע באָרוועס
מיט די אַרבעלעך פאַרקאַטשעט
ביז די אַקסעלעך אַרויף;
קוקט דער הימל מיט אַ שמייכל,
ווי די שקצים גייען דאָרף אויס,
נ׳איינער ווי געכאַפּט אַ פּאַטש האָט
נעם אַ פויערישן הויף...




## III.

יעדער שטעטל האָט אַ פאָרשטאָט,
מיט אַ גרויסער וואַנט ביים קלויסטער,
מיט אַ וואַל און מיט אַ צוים־הויז,
מיט אַ תחום צום פעלד געשפּאַנט;
וואַנט אין דר׳הויך, אפשר, אַ ווערסט האָט,
גייט אַ ייד פאַרביי איר, ווייסט ער
פון אַ „קרעפּאָסט" מיט מלחמות,
וואָס געפירט האָט יענער קאַנט...

גראָבט אַ ייד נעם זיך אַ ברונעם,
קומען יידן וואַסער בענטשן,
און אַרום דעם אָרט מען דרייט זיך
סתם שוין אין דער וועלט אַריין;
גראָבט זיך אויס אַ ביינדל פון אים,
ווערט אַ קלאַנג, אַז מ׳האָט אַ מענטשן
דאָרט געפונען מיט אַן אוצר,
און ווער ווייסט, וואָס דאָרט קאָן זיין...

גראָבט ער טיפער און געפינט ער
אַ מטבע פון פאַרצייטן,
קאָן זי קיינער איבערלייענען —
באַהאַלט ער זי ביי זיך אויף גליק;
סיי אין זומער, סיי אין ווינטער,
עס צעטראָגט זיך, ס׳קומט אַליין אָן —
פון איין שטעטל צו דעם צווייטן
גייען פורלעך הין און צריק...

אויסגעריבן זיינען ונעגן,
פון איין שטעטל צו דעם צווייטן
גייען פערד שוין אָן די לייצעס
און זיי ווייסן, וואו זיי גיין;
קומען פורלעך אָן אַנטקעגן,
פּאָרט שוין איינס אויפן פאַרזייטן,
ווייסן פערדלעך, אַז דאָ ווייך אין,
בלייבן זיי אינמיטן שטיין...

פערדלעך גייען, פערדלעך דרעמלען,
דרעמלט אויך דער בעל-עגלה,
אַ פאַרשווינדל הייבט אָן שאַרן
אים אין אויער מיט אַ שטרוי;
גוטע, בלויע, טיפע הימלען,
ברייטע וועגן, סטעזשקעס שמאָלע —
דרעמלסט דאָרטן, משה אהרן?
ניין, חלילה, סתם אַזוי!...

## IV.

זינגט זיך עפּעס אויף די וועגן
אַ געזאַנג פון גאָר ניט וועלן,
גאָר ניט דאַרפן, גאָר ניט האָבן,
נאָר דאָס פורל זאָל זיך גיין;
ס'זאָל אַ פורל גיין אַנטקעגן
און עס זאָל זיך גאָר ניט שטעלן,
און די רעדער זאָלן גראָבן,
וואָס זיי ווילן נאָר אַליין...




זינגען זיך אַליין די וועגן
איינס אין אַנדערן פאַרפלאָכטן,
אויף די שטעטעלעך פאַרוואָרפן,
ווי אַ נעץ פון גראָבע שטריק;
טעג און נעכט און ווידער טעג גיין
אויף די גרויע וועגן דאָרטן,
קומען פורלעך פונם דאָרף אָן
און זיי גייען זיך צוריק...

דאָרטן פּאָרט זיך שוין אָן ווילן,
ביי די וועגן מ'איז געפאַנגען...
וואַקסן אויף די פעלדער קאָרן
פּאַשען זיך מיט שקצים פּיז קין
וואַקסן אויף די וועגן פיל אָן
פורלעך גרויע פון קאַיאָר אָן,
פּאַשען רעדער זיך אין זאַנגען,
שטעלט זיך נאָר דער אינדערפרי.

און עס בענקט זיך דאָרט נאָך פאָרן
אין די העל-בלויע פרימאָרגנס,
אין די גאָלדענע קאַיאָרן, —
וואו? — דאָס איז שוין גלאַט אַלץ איינס.
גייט אַ זון אין הויכע קלאָרן,
בלוסט דעם האַרצן זיך איר נאָכגיין,
ערגעץ אָנקומען צו פאָרן
און צעצאָלן זיך מיט קליינס...

## V.

שטעלט מען אָפּ זיך בײַ די קרעטשמעס
און מע כאַפּט אויף גיך אַ דאַוון,
טוט מען אויס פון פערד די שלייעס
און מע לאָזט זיך פּויען גיין;
וואַרט שוין קאָרעטע מיט וואַסער
בײַ דעם ברונעם, בײַ דעם גרויען,
עמער הין און צריק אַ דריי אויס,
טרינקט דער שמייסער שוין אַליין.

טרינקט ער אָפּ און גיט אַ סמאָקע,
ציען פערדלעך אויס די מאָרדעס
צו די קאַלטע פולע עמער,
פייפט ער אונטער זיי דערבײַ;
קוקט אויף קרעטשמע, שרייט: „אַן זָקע!
„כאַפּ ניט געלער, קיינער יאָגט ניט,
באַלד פאַר דיר אַ צווייטן נעם איך",
און ער וואַרפט אַרויס אַ שפּיי...

אויסגעקאַטשעט אויף דער ערד זיך,
שטייען פערדלעך שוין צום גרייטן,
דרייט וואַסיל זיך אַ ציגייער
און פאַררויכערט זיך דערווייל;
„נאָך איין צי, ווי איך אַ ייד בין,
און אַ גוטן טאָג דיר, קרעטשמע!"
אויפן „דערעש" איין געשריי כאָן
און פאַרפאַלן אַ כאָר מייל!...



## VI.

לעבט זיך אָפּ אַ וועלט דער האָרין*)
אַ בן-יחיד בײַ דעם געגנט
און פון די וואָלינער טעכער.
ער דער עלטסטער איז, דער בכור;
„איין" און „אויס" האָט ער פאַרלאָרן
זויגט פון דר'ערד און זי באַרעגנט,
שטענדיק פול, אַ פולער בעכער —
פאַר אַ שטילער ברכה נאָר...

פּעסטעט ער זיך פאַר די וועלדער,
קיצלט שטילערהייט די ברעגן,
ווערט ער גרויער, ווערט ער בלויער
אָט פון קעלט און אָט פון היץ;
„האָרין, האָרין, וואָס געפעלט דיר,
וואָס פון אונזערע פאַרמעגן, —
רוימען וועלדער אים אין אויער —
נעם דיר, נעם פון אַלדאָס גוטס...

גראָזן — פון די ביימער גרינער,
זאַמדן — פון דיין וואַסער ווייכער,
קוסטעס — פונם וואַלד געדיכטער,
שאָטנס — קיל ווי דו אַליין,
שיקסעס באָרוועסע וואָלינער,
פראַטשקעס פראַטשען פון די טעכער
מיט געזאַנג און מיט געלעכטער
הערסטו, האָרין, צו דיר גייך!"

---

*) האָרין — אַ נאָמען פון אַ טייך.

היטן אים די אַלטע וועלדער,
ווי אַ דוקעס ווי אַ יונגן,
אַיינגעגראָבן נעם, אים גרינטלעך
צו פאַרשטעלן פון דער זון;
ציען זאַנגען זיך פון פעלדער,
מיט די ווינטלעך, מיט די גרינגע,
מיט וואָלינער גרינגע ווינטלעך,
וואָס געשענקט האָט גאָט וואָלין...

קנייטשט זיך האָרין, עפּעס וויל ער.
אים אַ בשורה גייט פון דרום,
ווערט אים שטיל און קאַלט, און וואַרים
און ער לאָזט זיך ערגעץ גיין;
ווערןביימער שטילער, שטילער,
מאַכן וועלדער אָן אַ שטורים,
מאַכן ביימער אָן אַ ליאַרים —
ווערט דער הימל קלאָר און ריין...

## VII.

און מיט גלעקער קומט מען אָן פון
ערגעץ ווייט אויף די אַכסניהס,
האָבער פאַר די פערד אַ מיש אויס
און מען לאָזט צורו דעם שפּאַן;
נעמט מען באַלד צו קאַפּלעך בראָנפן,
מען פאַרבייסט מיט קאַלטע קנישעס,
פערד פון פורלעך נאָר אַ שפּאַן אויס —
ווייסט מען שוין ניט וואָס צו טאָן.



שמעקט אַזוי געשמאַק נ׳אַכסניה:
אַרבעס קאַלטער אָנגעשניטן,
ווייך פון ערד די ריינע פאָל איז
און באַשיט מיט געלער ליים;
שטייט אַן אַלטער שוין ר׳ סאַניע
צווישן בענקלס אינדערמיטן
מיט אַ פּערטל אין די פּאָלעס
און מען פילט זיך ווי אין דר׳היים.

קאָרזשעס דאַרע — אַלט-געבאַקן,
לעקעך קאָרצנער — פאַרשלאָסן...
„אויף דער וועלט, דערציילט, וואָס הערט זיך
קעלישאָקלעך נעמט אַ פּאָר".
„אויף דער וועלט, פרעגט איר, ר׳ סאַניע, —
גיט מען קעלישאָק אַ גאָס צו —
עס, מען גאָלט זיך און מען שערט זיך...
נו, דערלעבט איבעראַיאָר!"...

## VIII.

קליינע שטעטלעך — גרויסע גערטנער,
מענטשן לויפן, ווי די זשוקלעך,
קלייבן זיך צונויף אינאיינעם
רעדלעכווייז אינמיטן גאַס;
עמיצער אַ נייס דערהערט נאָר,
טראָגט ער באַלד עס אָפּ די שכנים,
דאַכט זיך אויס, אַז גוט און גליקלעך
שפּילן זיי נאָך אַלע נ׳אַש.

VIII, IX General summary of character of existence
- seasonal
- natural
- bestial

קיינער ווייסט דאָרט ניט פון צייטן,
ס׳האַרץ פאַרכאַפּט מען נאָכן וואַשן,
בייט מען זיך נאָך קריאת־שמע לייגן
און מען שטייט אויף צו די קי;
און אַזוי איז עס ביי לייטן,
גייט די קו אין פעלד זיך פּאַשען,
קומט פון טשערעדענעם וועג אָן,
איז מסתמא שוין ניט פרי.

- Abram limited to physical existence

פון איין געסל אויפן צווייטן
לויפט אַ יידל שטאַרק פאַרנומען,
צו פרנסה אַ פאַרקויפטער,
לויפט און זשומעט ווי אַ בין;
פּרובט פון ווייט אים אַ געשריי טאָן,
גיט אים פאַרן קלאַפּ אַ נעם אָן,
שטעלט אים אָפּ און פרעגט „וואו לויפט ער?״
ווייס ער ניט אַליין, וואוהין...

און ער דאַרף טאַקע ניט וויסן!
— אַ „גוט יאָר״ פאַר „אַ גוט מאָרגן״...
און וואָס דאַרף ער און וואָס האָט ער,
נ׳וואָס, אַ שטייגער, דען אים פעלט?
מיט דער באָרד האָט ער פאַרביסן (dogged)
גאָט אין הימל איז אַ פאָטער!
און ער האָט ניט וואָס צו זאָרגן
פאַרן תכלית פון דער וועלט!..




IX.

קומט פאַרנאַכט אויף שטילע געסלעך,
ווערט אַ פּאָראַך פון די בהמות,
פון די רעדער, פון די פורן—
שפּאַרט זיך יעדער צו זיין קלייט;
ווי „מעדאַלן״ הענגען שלעסלעך
אויף די צוגעמאַכטע טירן,
פריזבעס, דאַנקען גאָט, פון ליים איז,—
נוצט מען זיי געזונטערהייט.

צרגעץ פאָרט מען פונם היי־שנים
צווישן ביידע זייטן קאָרן
פון דער אַרבעט אָפּגעבערענטע
מיט אַ בענקען־זינגעריי;
הייבט אַ שיקסע אָן צום ערשטן,
לאָזט אַ שייגעץ זיך איר פאָרן,
און מע נעמט זיך פאַר די הענט אָן
און מע קוקט אַראָפּ דערביי..

פון דערווייטן הייבט איין ד׳אָרף אָן,
ענטפערט באַלד אים אָפּ אַ צווייטער,
כאַפּט אַ דריטער און אַ פערטער,
גלייך מע האָט זיך אָפּגערעדט;—
אַלע נ׳איינעם און צעוואָרפן—
וואַקסן לידער ווי פאַרזייטע,
הערט דער דרויסן אַ פאַרקלערטער,
ביז עס ווערט אינגאַנצן שפּעט.

צינדן אָן די שטיבלעך פייער
אויף דער אויסגעלייגטער פינסטער,
גלייך זיי האָבן וואָס פאַרלאָרן,
קוקט מען, זוכט מען שטיל; רהייט;
און פאַרלאָשן—גאַז איז טייער...
יאָ געפונען, ניט געפונען
ווערט מען מיד אַזוי צאַנטשלאָפן,—
שלאָפט=זשע, שלאָפט געזונטערהייט...

X.

ביים צאַריינפאָר אין די שטעטלעך
הייבט זיך תמיד אָן דער צווינטער,
נאָכן צווינטער גייט די שקאַלניע
מיטן גויאישן אַפטייק;
ריוועס צוגעדעקט מיט ברעטלעך,
ציגן דאַרפט איר און געפינט איר,
דאַרף מען שוין אַמאָל די גראַלניע,
מוז מען פאָרן אויפן טייק.

יעדער שקאַלניע האָט אַ גאָרטן
מיט אַ סאָד, מיט הינט, ווי לייבן,
מיט אַ סטאַבליטשקע אַ בלעכנס
אויף אַ גרין=געפאַרבטן דאַך;
קאַרשן ווערן פאַרטיק דאָרטן
פריער ווי נ׳אַלע גרעסטע סעדער
נ׳אויף די פּלויטן זיינען צייכנס—
צוויעקעס אָנגעקלאַפּט אַ סך.



ווען מען אַרט עס, אַז מיט צוויעקעס,—
צווייגן פאַלן דאָרט אַריבער
גלייך אין מויל אַריין, אָן קלייבן,—
קריכן, רייסן שוין פאַרשפאָר;
פאַקט אַ בוזים און אַוועק איז,—
מאַמע מיינע, טאַטע ליבער!
מער די ביימער וועט נאָך בלייבן,
וואַקסן נייע ט׳באַראַיאָר!

זיצט מען אויסגעזעצט—אַ וואַליק
אויף די אָפּגעשוואַקטע טרעפּלעך
מיט די כלים אין די שטיוול
און מע רוקט זיך אָן אַ צאָל;
איינער פייפט זיך אין זיין שקאַליק,
אין קאַשקעט ווער זוכט אַ בריוול
און מען וואַרט אַזוי, דער שקאַלניק
זאָל שוין עפענען אַמאָל.

גייט מען שבת זיך שפּאַצירן,
בעט זיך שטיל דער בעז דער שענסטער:
„נעמט מיך, יינגלעך, נעמט מיך, מיידלעך,
נעמט און טראָגט אינמיטן גאַס"
לאָזן זיי זיך שטאַרק ניט בעטן
און געשטעקט זיי אין די קליידלעך,
קוקט די שקאַלניטשקע אין פענסטער
און זי ווערט צעזעצט פון כעס.

סוט זיך עס אַ ביסל דאָרטן:
ווייַנשל, פלאָמען, ווי די פויסטן,
עפּל, באַרן און מאַרעלן,—
קוקט ניט, פרעגט ניט, נעם און עס;
ב׳ווי אַ דערפעלע אַ קליינינקס
שטייט אַ בינשטאָקל אין גאָרטן,—
מיטן פינגער פרוב אַ שטויס טאָן,
איז פון אַלע זיי—פאַרגעס.

ווייַנשל וואַקסן זיך באַזונדער
אַלע זיך צונויפגענומען,
גלייך ווי אינדיקעס באַקענטע
בלאָזן זיי זיך אַזוי שיין;
אַלע שבת גייען קינדער
און אַזוי באַקענטע קומען,
איז די שקאַלניטשקע מכבד,
גיט די שקאַלניטשקע אַליין...

XI.

ברענט דער זומער אָפּ דער הייסער
מיט די זויגנדע בייטאָגן,
הימלדאָרשטיק איז—אַ גומען,
קיצלט וואָלקנדל—אַ האָר,
גאָט דערבאַרימדיקער, גרויסער,
ווי־זשע קומט אַזויפיל פליגן,
קיינמאָל ניט געווען אַזויפיל,—
טענהן ווייבער אַלע יאָר.



נאָכן וואַרמעס, ווי אַ זייגער,
מוז מען זיך שוין לייגן שלאָפן,
ווער קאָן אויסשטיין פון די פליגן,
פונם בייסן, פון דער היץ;
ליגט דער גאַנצער מאַרק—אַ פגר,
אויגן צו, די מיילער אָפן,—
אַ פּאָר בינען זיי פאַרוויגן
און זיי היטן אָפּ דאָס גוטס.

לייזן לייזט מען ניט קיין פירער
איבער אָט די גרויסע היצן
און די גאַסן זייַנען אַשיק
און די קלייטן זייַנען ריין;
גייט איין קרעמער צו דעם צווייטן,
זעצט מען זיך אַ ביסל זיצן—
גלאָט אַזוי אויפן פּאַדאַשיק
און מע דרעמלט שטיל זיך איין...

קומט דעם אייַנגעשלאָפן שטעטל
דער משוגענער צו חלום,
אָנגעטראָלדנט פול מיט קליידער
איבער פגר־מאַרק אַליין;
מיט אַ ווינטערדיקן יאַלעם
קייעט ער די העמד—אַ בלעטל,
שטיל, צעכראַסטעט, באָרוועס גייט ער
און אין קולעק האַלט אַ שטיין...

כאַפּט זיך אונטער פון דער יאַטקע
צו אַ קלייט אַ „כאָרט” אַ דאַרער,
שמעקט פון די פאַרדאַרטע פּעסער
און אַ באַנקע אייל גיסט אויס;
ס'איז אים אָפּגעגאַן די שפּאַרעס,
טרעפט דער קרעמער אַ שטיק קלאַדקע
אין די פיס דעם יאַטקע-פרעסער,
הינקט ער שוין אַליין אַרויס

אַלע דאָנערשטאָג און מאָנטאָג
גייט אין אַ באַזונדער שטעטל
אַ יריד, אַ מאַרק פון קלייטן—
האַנדלען, וואַנדלען ווי ניט איז;
ציט זיך עס אַזוי אַ צעטל
פון ירידים איינס צום צווייטן,
ווינטשט מען זיך ביי קאַפּלען פּאָנטעק—
גיין ס'זאָל מיט דער רעכטער פיס.

אײַנגעפּאַקט די גאָרע קלייטן
אויף די פורן, אויף די שליטנס
פון צו זען און פון צו הערן
ביזן הימל הויך און גרויס;
פאָרט איין שטעטל צו דעם צווייטן
מיט די וואָכיקע וויזיטן
דאָרט פון עפּעס פטור ווערן
און אַריינכאַפּן אַ לייז.



אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען
אויף די וואָכיקע ירידן
אין די גאָט-געבענטשטע קאַנטן,
אויסער שטאָט, דער מאַרק פון פערד;
מיט געדיכטע פלאַקסן-ברעמען
קומען הויכע, ברייטע יידן—
די באַרימטע ליוועראַנטן
מיט די לאַנגע גראָוע בערד.

קומען אויף ירידים אויך אָן
אַלע שלעגערס פון די שטעטלעך,
נישטערן זיי סתם און גראָבן—
גלאַט צעפירן זיך די הענט;
פאַקן זיי אַן צאַלטן גנב,
כאַפּט ער פעטש דאָרט ווי די ברעטלעך,
מאַכן זיי אַ גוואַלד, אַז האָבן
פערד גנבישע דערקענט.

הירזשען פערדלעך, כאַפּן בייטשן,
סתם אַזוי זיך שוין, גוט-ברידערש,
נעמט מען זיי שוין צום פאַרהערן,—
ניט געלאָפן, נאָר געבערענט;
קומען אויך באַזאָטע דייטשן,
בערד פון פאָרנט, נאָר געשערן,
און מע דינגט זיך, און מע גלייבט זיך,
און מע קלאַפּט זיך אין די הענט.

שטופט מען, רייבט מען איינס דעם צווייטן,
פערדלעך ציין פאַר יעדן ווייזן, —
זיך צערעכענען, צעצאָלן
גייט מען אַלע גלייך אין שענק;
„יענעם צושפּאַנען צום רויטן —
אָן אַ בייטש — איז שטאָל און אייזן",
קומען אַלע מיטאַמאָל אָן,
טאַנצן שוין אין שענק די בענק.

ביי אַ טישעלע מיט וואַסער
שטייט אַ סוחר אַ פאַרשוויצטער,
פון די גלעזלעך פון די שמאָלע
סעלצערוואַסער טרינקט און שפּייט;
„וואָרים", ניט צופרידן היצט ער,
קומט אַ צווייטער צו אַ נאַסער, —
נ'מיט אַ גוי — אַ בעל־עגלה
מאַכט שוין ערגיץ דאָרט אַ בייט"...

XII.

פון גאַנץ פרי און פון קאַיאָר אָן
רודערט זיך די גאַנצע פערשטאָט,
„נייעסן" מען האַלט אין לייענען,
שושקענדיק זיך שטילערהייט;
קומען פורלעך אָן צו פאָרן,
נעמען אָן אַ מויל פאַרשוינען,
רוען אָפּ און שמייסן ווייטער,
שטייען זיי שוין ווידער גרייט.

קריכט אַ ייד אַראָפּ פון וואָגן,
אָפּגעשטעלט זיך נאָר־וואָס. ערשט האָט
און אַ פורל, גאָר אַ גויאיש,
עפּעס שפּאַנען זיך דערזעט;
איז צעטומלט און צעטראָגן,
גלייך אַליין אַ שטיקל פערשטאָט,
פרעגט ער ניט און זעצט זיך פאָרן,
פאָרן וואו דאָס פורל גייט.

ליידיק, דאַכט זיך, אויסגעזויגן
שלאָפט בייטאָג די גאַנצע פערשטאָט,
עפּעס ווי אַ „מלך קאָזער"
אין דער ברייט און אין דער לענג,
גלייך דאָס לעצטע פורל ערשט האָט
מיט אַ פריק אָפּגעצויגן...
נ'פלוצים גיט מען ווילד אַ לאָז זיך,
מען באַפאַלט אַייך ווי די שלענג.

שטייען זיך די בעל־עגלות
אין די קלייטלעך פון דער ווייסן,
ווייסן גאָרניט וואָס צו זאָגן
מיט די „טייטלעך" אין די הענט;
גאָרניט גרויס דאָך זייער צאָל איז,
נאָר זיי ציילן — ניט פאַר לייטן, —
איינער דרעמלט זיך אין וואָגן,
צוגעדעקט מיט אַ „מאָמענט".

פאַרן אָרנטלעכסטן טרייבער
איז באַוואוסט אין געגנט „פייטל“,
יאָגט זיך ניט נאָך קיין פאַרשווינען
מיט די „ברענענדיקע“ פערד;
האַלטן פון אים אַלע ווייבער,
ער האָט זיינע באַלעבאַטים, —
פייטל זאָגט: עס קומט אַליין אָן,
ווען נאָר עס איז באַשערט.

און אַ קאָפּ פאַרמאָגט עס פייטל
פון אַן אמתן פּראָפעסאָר,
אָן איין האָר, ווי אַ לבנה,
אויפן גאַנצן קאַנט פאַר׳שמט:
קוקן קוקט ער מיט אַ זייטל,
העמדער גייט ער נאָר געפּרעסטע,
אים מיט זיינע פערדלעך קאָנען
אַלע גויים פון דער פרעמד.

אויף איין פורל זיצט אַ יאַטל,
פייטלס ברידערל דער קלענסטער,
זעט אינגאַנצן, ווי אַ „ק“ אויס
און גיט אַלע מאָל אַ בליץ;
ס׳איז ביי זיי אַזאַ משפחה...
יענער ליגט נעבעך אויף טיפוס
קוקט אַ גאַנצן טאָג אין פענסטער
נ׳עפּעס דרשנט ער פון היץ.



ליגט אָן לשון, לאַכט איין שמייסער
מיט „אַ פענעץ“ ווי אַן אַייטער,
און פון דער „גמרא“ רעדט ער
מיטן חומש אויף דער שטרוי;
„מיט דעם פוזשעלע דעם ווייסן,
אַ כאַליערע, זיידל, שרייט ער,
ווערסט צעבּרעכן נאָך די רעדער,
טראַסקע ניט אויפן שאָסיי...“

XIII.

לאָזן זיך אַרויס מיט זעקלעך
אויף דער אַרבעט גיין שמאַטאַרעס,
יינגלעך אָרימע אין ווייבער,
ערטער זיינען גוט באַקאַנט;
באָרוועסע, מיט לאַנגע שטעקלעך,
אָפּגעריסן, פוילע לייבער —
קלייבן זיי זיך שוין דערפאַר אויס,
וואָס עס טרעפט זיך אין דער האַנט.

שטאָפּט מען פולע זיך אַזוי אָן
זעקלעך בייכיקע מיט שמאַטעס,
טאָג אויף טאָג פון אינדערפרי אָן
אָן אַן ערך, אָן אַ שיעור;
עפּעס וואַקסן זיי דאָרט גלאַט אויס
גאָר אָן אַקערן, אָן זייען,
און זיי אַלעמען פאַרציען
די פאַבריקן פון פּאַפּיר.

ווערט מען אין דער וועלט געוואוירע
צווישן וועלטישע שמאַטיאַרעס,
פונדערוו־יטן ז־י דערשמעקן
און זיי כאַפּן זיך אַראָפּ;
גייען גרויסע פורן סחירה
אויף די שטויביקדיקע וועגן,
גלייך ווי גראָווע שטיקער כמאַרע
קריכן זיי זיך אויף און צאָפּ.

קומט שוין אַ שמאַטיאַר צו פאָרן
פון דער גאָרער וועלט דער גרויסער
מיט אַ שיינעם קעסטל צירונג:
שפּילקעס, פינגערלעך פון צין;
לייגט ער אויס דאָס ביסל סחורה
אויפן קעסטעלע אינדרויסן:
אויף אַ פינגערל — אַ שנירל,
אויף אַ שפּילקעלע אַ בין.

רינגלען אים אַרום שוין מיידלעך
רונד אַרום פון אַלע זייטן,
שטופּט מען גראָבע רויטע פינגער,
און מען נעמט אויף זיי אַ מאָס;
טראָגן דינסטן אַלטע קליידלעך
און מע נעמט זיך סוחריש בייטן.
דיר אַ שמאַטע, מיר אַ שפּילקע, —
פרעגט מען, ווער עס האָט נאָר וואָס.



## XIV.

קעלערס — פולע, אָנגעזעטיקט,
פורן אויבס איבער די וועגן,
אויף און צאָפּ, פּאַר איינער זיבן:
ס׳האָט געראָטן, דאַנקען גאָט;
שטייען טעג שוין אויף — פּאַרשפּעטיקט,
כאַפּן זיך שוין פרי׳ר אַוועקגיין,
גייען אום אַזוי פאַרבליבן, —
נאָך צוויי וואָכן, אָט־אָט־אָט!...

צווישן אָפּגעגילדטע גראָזן
זוכן קינדערלעך אַ ווייך צאָרט,
אויף אַ בערגעלע פון אויבן,
קעגן טרויער־זון אין דר׳הויך;
ווינטן בלעטער שטיל צעבלאָזן, —
גייען אָרימע זיי קלויבן, —
מען צערייבט זיי און מען רויכערט
און עס גייט פון זיי אַ רויך.

אָפּגעפּרישט קאַיאָר די דעכער,
אָפּגעפאַלן איז דאָס וואַסער,
שמעקט מיט צוגעפוילטע בלעטער,
מיט געשניטענעם טשאַרעט;
אומעטיק איז שוין די טעכער,
באָדן גייט זיך נאָר דער „קאַסיר“,
נו, ער באָדט זיך דאָך נאָך שפּעטער
ביז די פרעסט די גרויסע, עט!

שמיסן שמיסט מען, אַז ער, ב׳היט־גאָט,
ניט אינגאַנצן איז ביים זינען,
אַז אין גרעסטן פראָסט ער קאָן גיין
כאַפּן זיך אין טייך אַ באָד;
פראַטשקעס האָבן אים באַגינען
אין אַ ווינטער־טאָג געטראָפן
באָדן זיך אין אַ פּאָלאָנקע,
דאַכט זיך גאָר אינמיטן שבט.

פרובט אַזוי שוין צו פאַרנאַכט־צו
לאָזן זיך אין וועג אַ רעגן,
גלייך אַ מענגע גראָווע קנוילן
אָפּגעוויקלטן שפּאַגאַט.
אָפּגעלאָזט האָט נמאַרע שוואַרצע,
כאַפּן דעכער, כאַפּן וועגן
און צעגעבן און צעטיילן
און צעשענקען יעדן גלאַט.

גיסט אַזוי שוין גאַנצע דריי־טאָג
אויף די שמאָלע לאַנגע געסלעך,
אַלע מאָל פאַרטרינקט אַ ניי אָרט
און צעווייקט אַן אַנדער נעסט;
שטעלט מען אונטער דאָרט באַצייטן
אונטער רימוועס ווייקן פעסלעך, —
ווער ס׳האָט גאָר נאָך ניט געזייערט
אויף די לאַנגע גרויסע פרעסט.



טוט זיך אָן דער גאַנצער געגנט
אין אַ סדרה לויזע בלאָטעס —
אויף צו זינגען און צו זאָגן
זיך פון שטוב ניט טאָן קיין ריר;
מיטן זומער זיך געזעגנט,
— ריזנעט מען אַזוי אין אָסיען,
ווער זיין אייגנס האָט אַ וואָגן,
ווער זיין אייגנס האָט אַ פור.

.XV

ליגט די געגנט אַזוי קויטיק,
אָט פאַרפרירט און ווידער רעגנט,
ס׳וועלן זיך מסתמא נ׳גיכן
שוין אָוועקשטעלן די פרעכט;
קומט צו גיין אַ ווייסער שניי־טאָג,
ציט ער איבער גאָר דעם געגנט,
ווי מיט קלאָר־ווייס פרישע ציכן,
דאַכט זיך, נאָר־וואָס פון געוועש.

ווערט אַ שליט־וועגס אויסגעטריטן, —
איז שוין גאָר ניט וואָס צו פרעגן,
דאַכט זיך, לאָזן נאָר דעם שליטן,
וועט ער פאָרן שוין אַליין;
ליגן אויסגעלייגט די וועגן,
גלייך דעם ווייסן שניי זיי היטן
נ׳איבער ווייסן ים, אינמיטן —
שיפלעך גרינגע — שליטנס גיין.

אַלע אויסגעווייסטע הייזלעך,
פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן,
עפּעס פרישער, עפּעס ברייטער
אין דער גרינגער ווייסער קעלט;
שטייען זיך ווי ווייסע מייזלעך
און מע קוקט זיך אין די פענסטער
און צופרידן מיט די קליידער
און מיט גאָטס געבענטשטער וועלט...

גרינג איז דאָס געמיט אַזוי שוין,
טירן צוגעמאַכט פון פאָרנט
און אין דרויסן טאַנצט אַ שטורים
און די שינדעלעך ער זויפט; SHINGLES
זאַווערוכעס ווילדע רוישן — - blizzard
פענסטער אַלע גוט באַוואָרנט,
גאָר ניט ווייט איז שוין צו פורים, —
ביזט אַ מבין, ווי סע לויפט?...

ציילט מען זיך אַזוי די וואָכן,
וויפל איז נאָך דאָ צו פסח,
מע באַשיידט זיך שטיל חלומות
און מע בלאָזט די טיי אין שאָל;
גאַנצע לאַנגע אויפדערנאַכטן
לעם דעם הרובע ביי אַ שכן
רייבט מען שטיל די ווייסע ליים אויס
און מע כאַפּט אַ ציגן־וואָלף.



ווער קאָן אויסליגן אַזויפיל,
אַז אַ יאָר איז ביז באַגינען,
שפּילט מען זיך מיט פאַרגעניגן
אויף אַ האַלבן טיש צעשפּרייט;
קינדער לערנען מאַכן „כפל"
און די אַלטע לייט געווינען
איינס ביים אַנדערן די ציגן,
אויסגעקלעפּט פון שטיקלעך ברויט.

XVI. PART THREE

אונטערצינדערס און גנבים
האָט זיין אייגנס יעדער געגנט,
הינטשלעגערס, זאָגט מען, פאַרשיקטע,
קומען אַלע יאָר אַראָפּ;
ווייבער ריידן זיך שוין איבער:
... האָבן עמיצן געהרגעט,
אַלע יאָר זיינען צוריק דאָ,
קומען „זייערס" דאָ זיך אָפּ...

קומט דער הינטשלעגער אין שטעטל
מיט אַ ב'העלפער מיט אַ שקאַפע,
מיט אַ קאַסטן פאַר דער סחורה
ב'שטעלט זיך אָפּ אינמיטן מאַרק;
קומט שוין מיט אַ גרייטן צעטל...
ווערן הינט דאָס באַלד געוואוירע,
לאַשטשען זיי זיך שטיל און סאָפּען
און מען בעט זיך: נעם פאַרשפּאַר!...

– More specific descriptions of people. But folk, (?) don't really belong
– had to go to the fringes to populate the poem.

ווערט אַ שמחה פאַר די יאַטן,
ווער אַ חדר, וואָס פאַר שרייבן,
נאָר אַ תּירוץ אַ פאַרדרייטן
אין די אייגלעך יעדער טראָגט;
מאַכט מען קליוטשקעס פון שפּאַגאַטן,
העלפט מען אים די הינט פאַרטרייבן,
און מע כאַפּט זיך איינס דעם צווייטן,
און מע לעבט אַ גוטן טאָג.

גייט אַוועק אַ „בראש השנה"
פאַר די יאַטקע-לייט אין געגנט
פון מי יחיה, פון מי ימות,
וואו אַ גאַס און וואו אַ הויז;
און ער גיט אַזוי אַ ראָם אויס
וואו אַ כּלב פון די וועגן, —
דער אַפּטייקער נאָר זיין הינטל
אויף „פּאַרוקע" נעמט אַרויס.

שטייט מען אויף אַמאָל פרימאָרגן,
ז׳פונעם הינטשלעגער קיין סימן,
גלייך אַזוינער דאָ אין לעבן
איז נאָך קיינמאָל ניט געווען;
וואָס-ושעו? לאָזן קעץ זיך זאָרגן!
אָט אַן „ערל" — נאָר צום רימען...
און די כּלבים — גאָט וועט הייסן,
וועלן פגרן אַליין.



נאָר אונטער די גראָווע פלויטן
פון עק-שטעטל ביי די וועגן,
וואַלגערן זיך אָפּגעשונדן
אַ פּאָר הינט אַנטקעגן זון;
דווקא גאַנץ, אין בלויזע הויטן
פּיס אינאיינעם ווי געבונדן,
שלאָפן אויף דער היץ און רעגן
און זיי חלומען זיך קראָען...

.XVII

יעדער שטעטל האָט זיין אייגנס
אי אַ מסור, אי אַ רופא
און אַ חברה משוגעים
מיט אַ „גוי" אַן אַדוואָקאַט;
כאַפּט זיך אָן אַמאָל אַ שריפה,
לויפן שכנים מיט די עמער,
סיי פון יידן, סיי פון גויים
און מע קוקט אַזוי זיך גלאַט.

ברענט שוין אָפּ אַ שורה קלייטן, —
גייט מען אום אַראָפּ די אויגן,
קומען פריינד און צריק זיי גייען
ב׳עפּעס האָט זיך ווער דערמאָנט;
אויפן אויער זאָגט דעם צווייטן,
אַז נאָך לאַנג שוין, איינגעבויגן,
האָט ער „אים" געזען זיך דרייען
מיט אַ באַנקע אין דער האַנט...

ערשט זיך צוגעגרייט צום אָסיען,
פולע פּאָלעצעס פאַרגרייט שוין, —
זיי אַ נביא און גיי ריכט זיך,
וואָס וועט מאָרגן פון דיר זיין;
איינער גייט — די מויל פאַרשלאָסן,
שוואַרץ דער פּנים, פול מיט קנייטשן
— קינדער ריידן אויס די הערצער
און מע נעמט די מאַמעס איין.

ווייבער רייסן זיך די האָר אויס,
קנייפן אויס זיך בלאָ די באַקן,
ווערן אויפן האַרץ זאָל גרינגער
פון געשריי און פון געוויין;
וואָס פאַר גוואַלדן? — אויף כּפּרות! —
בוין נייע, ס׳וועט אַזש קנאַקן,
ווייזט אָן איינער מיט די פינגער —
ניט געריכט זיך גאָר אַליין...

גייט אַוועק אַ וואָך, אַ צווייטע, —
מיטן קראַגן „קאָמפּאָזיציע“
אויסגעפּוצט און אָנגעטאָן איז —
גיט באַרדיטשעוו אויף קרעדיט!
— באמנות, פּרובט אַייך, שוטה,
רעדט באַרדיטשעוו איין זיין סחורה, —
האָט דער אויבערשטער רחמנות,
שענקט אַ טייערן יריד.



אויף נאָך שבת פירט מען ברעטער
און מע נעמט זיך צו די קלייטן,
איינס דעם צווייטן טאַפּן, צאַפּן,
גאָס, אויף וואָס די וועלט נאָר שטייט;
„ט׳שוין אַ סימן האָבן שפּעטער“ —
קריגט זיך איינער מיטן צווייטן, —
יעדן ווילט זיך שוין פאַרכאַפּן
נאָך אַ ביסל אין דער ברייט...

נאָר צום וועג־צו מעג דאָך יעדער, —
רוקט מען זיך, דאָס מאַכט ניט אויסן,
ווערט דער שליאַך אַלץ שמעלער, שמעלער
און מיט באַליקעס פאַרפילט;
— לאָזט אַן אָרט כאָטש פאַר די רעדער
מוסרט מען זיך שטיל אין דרויסן:
זעסט, ער מאַכט זיך גאָר אַ קעלער,
אים האָט גאָר היינט צוגעשפּילט...

קריגט מען זיך, מען בעט זיך איבער,
— עפּעס קויפן צי פאַרקויפן —
ווילסט דעם דאָך זיך מאַכן העכער?
מאַך דיר וויפל ווילסט אַליין!
גלייך ווי לאַנגע אַיינפּאָר־שטיבער,
אָנגעטאָן אין נייע דעכער —
אויף אַ שפּאָגל נייער שריפה
בלייבן קלייטן ווייטער שטיין...

## XVIII.

איז אַמאָל שוין ניט געבליבן
אַ פּאָר פערדלעך פון דער כאָוועס
מיט אַ זאָטל און מיט שלייעס,
צי פון הויזן־טיר אַ קו,
גיט מען שטעטל באַלד אַ גיי אויס,
ווייזט אויס, ווייט זיי, ווייט פאַרטריבן.
גייט מען זיך שוין דורך צום „נביא״
אויפן צווייטן אינדערפרי.

לאַנג, נאָך פון די יונגע יאָרן
אויסגעבונדן מיט די וועגן,
אי אַ שטיקל בעל־עגלה,
אי אַ שטיקל ליוועראַנט;
פלעגט ער אויף ירידים פאָרן, —
וואו אַ פערד פון יענעם געגנט —
זיינען אים, ווי זיינע פינגער,
אַלע, אַלע גוט באַקאַנט.

וואוינען וואוינט ער גאָר ניט ווייט שוין
פון בית־עולם, איינגעבויגן
שטייט זיין שטיבל אויף איין פיסל,
נאָר ער מאַכט דאָרטן געשעפט;
אַלצדינג קאָן ער גוט פאַרטייטשן
מיט די רויטע בלינדע אויגן,
היקעט אונטער זיך אַ ביסל, —
נאָר אַן אַלטער ממזר — טרעפט...



גייט דער „נביא״ שוין אַנטקעגן:
— ס׳האָט, חלילה, וואָס געטראָפן, —
גיט ער טרויעריק אַ צי אויס,
וואָס־זשע, מיינט, חלילה, איך?
„כ׳וועל אַ טאַפּ טאָן היינט די וועגן״...
מעג מען רואיק גיין שוין שלאָפן,
זיינע הייליקע נביאות
ט׳שוין מקויים ווערן גיך.

מיט קיין פּשוטער גנבה
דאַרף מען גאָר צו אים ניט קומען:
ווי, צום ביישפּיל, דאָרט אַ זייגער,
צי אַזוי אַ סאַמאָוואַר;
אויפן אָרט שטעל אַ מצבה.
טוט מען אים אַ נעם ביים גומען...
— „נו, וואָס נאָך?״ פרעגט ער אַ שטייגער —
„זיי שוין, זיי שוין ניט קיין נאַר״.

נ׳אַז ער הייסט ניט, דאַרף מען פאָלגן...
ביי זיין שטיבל וואַקסט אַ לייטער,
מאַכט זיך צפּטמאָל ווערט ער נעלם...
נאָר צום תהלים — אַקוראַט;
שוין אַן אַלטער, — אויגן — וואָלקן,
פערד, ווי עברי־טייטש פאַרשטייט ער,
ער איז בקיא „ב׳יענעם עולם״
און אַ מבין אויף אַ טשאַד

ריכט ער פּסח אָפּ אַ סדר
ווי דער מלכות ווי דער גרעסטער,
אָנגעלענט ער זאָגט און דאַוונט
די הגדה ביז קאַיאָר;
אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער,
חוץ דער „שמורה" גאָר ניט עסט ער, —
צו די פענסטער, ווי ער „פּראַוועט",
גייט מען קוקן אַלע יאָר.

XIX.

שטייט אינמיטן גאַס אַ קעסטל,
אָנגעטאָן אויף אַ צילענדער
מיט צוויי פלעשלעך רויטן סערעפּ
אויסגעשטעלט אַנטקעגן זון;
צַן אַלמנה ווערט פאַרבּרענט דאָרט
אין די היצן אין די גרעסטע,
קומט זי נעבּעך אַזוי שווער אָפּ
און זי לעבּט נעבּעך דערפון.

אין אַ פּודל פּאַפּיראָסן
ליגן מאַנדעלעך פּאַרבּראָטן
מיט איריסלעך שוואַרצע, קליינע,
פון פאַרלעגערטקייט שוין גרין;
בּרודנע וואַסער אָנגעגאָסן
אין אַ שיסל פאַר די גלעזער, —
דרייט זיך דאָרטן נאָר איין קונה —
אַ פאַרדאַרטער געלער בּין.




ביי דער זייט שטייט נאָך אַ קוישל,
איינגעהאָלעט אין אַ זעקל,
אויף אַ שטיין זיצט דאָרט אַ זקנה
און דעלובּעט זיך די נאָז;
פול מיט יאָדערן ז'דאָס קוישל,
האַלבּ מיט גרויסע, האַלבּ מיט קליינע,
פּראַזשעט זיי אַליין אויף בּעקנס
און פאַרקויפט זיי אויף דער גלאָז.

נאָר אַ בּודקע פון דער ווייטן
מיט אַ קאָפּ ווי ביי אַ קלויסטער
זשאָרבּט אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער,
ווע"ט אַ גאַנצן טאָג ניט מיד;
— אָט ווי אַרבּעט מען בּאַ לייטן!
שטיקער גאָלד דאָרט, זאָגט מען, לייזט ער,
יענער שאַרט דאָס געלט אויף ציפער,
יענער ווערט דאָרט אָפּגעשיט.

— ווער־זשע קאָן זיך צו אים גלייכן,
ער פאַרקויפט אום שבת וואַסער, —
רעדט צו זיך אַליין די אַלטע,
קראַצנדיק די דאַרע האַנט;
אים אַ „חרם" דאַרף מען מאַכן...
מאַכן זאָל זיך אים אַ מכּה,
ס'העלפט אים ווי אַ טויטן בּאַנקעס
גיי, כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט —

XX.

גייט מען זיך אַזוי אין אַקער,
וואו די טעג און וואָכן טרייבן,
קומט אַ ייד אַהיים צו פאָרן
מיט אַן אָנגעדולטער קאָפּ;
קומט אַ „קנעפּל" אָן, אַ תּקיף,
הייסט זיך אים אין בוך „צעשרייבן"
פונקט אַנטקעגן זיין פאַמיליע
און ער גיט אים עפּעס אָפּ...

נעמט ער שוין די בריל צום מעסטן,
פרעגט ביים שכן: איר פאַרשטייט עס!
לויפט דאָס ווייב אַריין צעטראָגן,
זיינען איר די באַקן הייס;
לייענט איבער: אַ „פּאָוועסטקע",
אַז ער דאַרף גיין זאָגן עדות...
צי ער ווייסט פון וואָס צו זאָגן, —
זאָל ער אַזוי ויסן ביין.

נאָר מען רופט דאָך, — וואָס־זשע, גייט ער,
— אויפן צונג וואָס נאָר ס'וועט קומען —
און פאַרלייגט די הענט אויף הינטן
און געשפּאַנט אין „סוד" אַזוי.
קומט פון דאָרטן אַ צעדרייטער:
ס'אַר אַ גאָרטן, קווייטן, בלומען
און אַ שפּאַן אַ מין געזונטן
דאָס פאַרמאָגט דער מיראָוואָי...

ער וואָלט גאָרניט ג'האַט אַקעגן
עמיצן דעם הויף פאַרהאַנדלען,
נ'ער זאָל כאַפּן ביי דער קניה
נאָר אַ גוטן מעקלערײַ;
אַזאַ יאָר אויף אים, חוץ שוואַרצקייט,
ווי מיט גיים ז'גוט צו האַנדלען, —
הערסט ניט אויף צו לויפן, פליען
און צום סוף איז — קיי און שפּיי.

XXII.

קומט אַ גאַסט אַמאָל צו פאָרן
מיט אַ „שרינט" פון אַנהייב שטערן,
שיקט מען איינגעמאַכטס מסתמא
און געוואונטשעט מיטן גאַסט;
נאָך באַקאַנט פון פאַראַיאָרן, —
אין אָדעס זיך ערגעץ לערנט,
דאַרף שוין אָפּגעבן „אַקזאַמעד",
דאַכט זיך, פאַרן אַכטן קלאַס.

מיידלעך קנייפּן זיך און שושקען,
איינע זיכער זאָגט: זי קאָן אים,
אַז זי האָט זיך פאַראַיאָרן
שוין פון לאַנג מיט אים באַקענט;
אָט וואָס הייסט, זאָגט זי, געלערנט,
ס'אַר אַ איידל־שיינער פּנים,
אָט אַזוי גיט ער אַ פאָר אָן, —
יעדן גריסט ער ביי די הענט...

— ער איז גאָרניט אַזאַ שיינער,
זאָגט אַ צווייטע, ווי דו מאַכסט זיך,
גאָר, אַ בחור — גלייך ווי אַלע,
גאָרניט ווי דיר ווייזט זיך אויס;
דעמאָלט נאָך אַ שנעק אַ קליינער,
כ'קאָן אים אויך, ער איז אַ שוואַרצער,
איך האָב פיינט אַזאַ מין מעלה,
אַז מען מאַכט זיך צופיל גרויס!

נאָכן שלאָף אַ ביסל קלערן,
גייט באַזונדער אויף דער גאַס ער,
פון די פענסטער קוקט מען אויס אים,
טייט מיט פינגער גאָר די גאַס;
גייט מען זיך צו אים פאַרהערן,
איינער לייענט ווי אַ „וואַסער",
נאָר, ניט־דאָ־געדאַכט, אַ יתום,
גייט אום נעבעך פוסט און פאַס.

„דאַ", ס'אַ וואוילער, וואולער יאַט דער,
ווער־זשע, פרעגט ער, האָט דיין דאַשעק
אָפגעריסן פון קאַשקעטל, —
נ'גיט אין פלייצע אים אַ קלאַפּ;
אַלע שבת מאַכט טעיאַטער,
אויסנווייניק זאָגט די „רש"י",
זאָגט אויף אים דאָס גאַנצע שטעטל,
אַז ס'וועט אויסוואַקסן אַ „קאָפּ"!





XXIII.

פונעם שול וועט ניט אַוועקגיין
אָן אַ אורח מיט זיך קיינער,
שווערט ער זיך אים ביי זיין לעבן,
אַז ער ט'מוזן מיט אים גיין;
אויפן וועג מוז ער שוין פרעגן:
ווער, פון וואַנען איז דאָס „איינער", —
וואָס דער אויבערשטער ט'געגעבן
זיין אינאיינעם פיין און שיין.

וואַשט מען זיך שוין נאָכן קידוש,
און אַ ביסל דברי תורה,
גייט מען אַזוי העכער, העכער,
אָן אַ מאָס און אָן אַ צאָל;
פרעגט ער, פרעגט ער ביי אים גוט אויס,
נ'ווערט פאַוואָלינקע געוואוירע,
אַז ער איז געווען אַ סוחר
און געלייזט ביי אים אַמאָל...

דרייט זיך עס אַזוי דאָס רעדל,
פירט זיך גאָט אַזוי זיין וועלטל,
גאָט־ברוך־הואס גרויסע קונצן —
— אין דער אמת, טאַקע, — וואָס?...
קאָן דאָך אייך דאָס גאַנצע שטעטל,
נו, און „זיי", די „קינדער", כ'בעט אַייך,
עסט־זשע, זאָלט איר מיר געזונט זיין,
רעדט אים איין דער באַלעבאָס.

איז קיין אורח גאָר ניטאָ שוין, —
איז אַזוי עפּעס אַ יידן,
צי אַ זינגערל אַן אָרימס
פון דער ווייטן, פון דער פ״עמד;
פירט ער זיך „אים״ שטיל אָן לשון, —
זינגט זיך אונטער, איז צופרידן,
געבן אָפּעסן אַ וואַרמעס
און אים שענקען נאָך אַ העמד.

און אין דר׳היים, האָט גאָר פאַרגעסן,
טרעפט דאָס יינגל פון ישיבה,
גיט אים פּאַר דער באַק אַ נעם אָן, —
ס׳איז אים גאָר אַרויס פון קאָפּ...
— פריילעכער וועט זיין צו עסן, —
און די „אורחים״ האַלטן ביידע
שטיל אַראָפּגעלאָזט די ברעמען,
נ׳ביידע קוקן זיי אַראָפּ...

פרעגט דעם „נייעם״ אויס באַזונדער,
וועמעס איז ער און פונוואַנען,
וואו ער נעכטיקט, וואָס ער לערנט
און אַ וואָסערס ביי אים קול;
קוקן אויף אים אַלע קינדער
און זיי זיינען אים מקנא,
שעמט ער זיך שוין נעבעך עסן
פאַלט דער ביסן אים פון מויל.



נאָכן עסן זאָגט צום אורח:
„זאָג נאָר, זינע, „השכיבנו״,
אָטאָ יענעם, וואָס האָסט נעכטן
אָפּגעזאָגט אינגאַנצן, שיין;
ווערן אים די לונגען שווערער,
קוקט זיך איבער מיטן „צווייטן״,
— גיט ער אים אַ טאָן אַ רעכטן
נ׳הייבט אים אָן דערווייל אַליין...

רייסט זיך יעדער אַ געשריי טאָן,
שרייט דער באַלעבאָס זיי איבער:
איך בין אויך געווען אַ זינגער,
און די באַלעבאָסטע קוועלט;
פון איין שבת צו דעם צווייטן
פאָרט מען זינגענדיק אַריבער,
און מיט הערצער און מיט גרינגע
זינגט מען אָפּ אַזוי די וועלט!

## XXIV.

וואַרט דער פרילינג אויפן ווינטער,
וויל דער ווינטער ניט אַוועקגיין
און דער זומער אַזוי שטאַרבט ער
אויף די הענט אינמיטן גאַס;
און דער אָסיען אַלץ וואָס שינדט ער
און צעוואַרפט עס אויף די וועגן, —
קומט ער שוין אַ געל געפאַרבטער,
איז ער אויך אַ שיינער גאַסט. . .

גייט זיך שטיל אַזוי די צייט דאָרט,
ווי ביי בינען אויף די פעלדער,
אויפגעשטאַנ־ן, אָנגעטאָן זיך
און אַוועק, —ווער ווייסט—וואוהין?...
אָנגעוואַרעמט זיך און—ווייטער,
ווייסט אַליין גאָר ניט, וואָס פעלט דיר,—
אין דער ווייט אַ פור מיט בעטן?...
— קלייבט אַ ייד זיך פון וואָלין!...

ליגן אָפן אַלע וועגן
אויסגעשפרייט אין אַלע זייטן
און געאָרעמט מיט די שכנים
און געטוליעט זיך פון קעלט;
וועלדער בויגן קעפ און פרעגן
ביי די וועגן פון דער ווייטן,
קוקן נאָך זיי, ויאו זיי גייען
אין דער גרויסער גאָרער יועלט!...

